Lekisz Lekiszowicz was made into a servant for the six sages. When one of them laughed, Lekisz Lekiszowicz laughed too, and this was how he earned his bread.

Chelm slowly turned back into the old Chelm it had been. The wealthy tried to dig up the gold and silver—but it had disappeared.

Where had it gone?

One thought was that it had been stolen by thieves. There was also a theory that under the earth lived a monster that ate gold and silver and that it had eaten it all up.

Strange to say, but there were those in Chelm who lamented Vaizatha's fall. They called themselves the Vaizathists. They said that, had Vaizatha remained in power another year, Chelm would have become a happy town. They even have a leader who calls himself Vaizatha the Second.

# די „פּאָליטישע עקאָנאָמיע“ פֿון כעלם

מיר אַלע ווייסן אַ סך געשיכטעס וועגן די כעלעמער נאַראָנים. אָבער זעלטן עמעץ ווייסט די געשיכטע פֿון דער כעלעמער עקאָנאָמיע. איך האָב לעצטנס געפֿונען אַ צאָל דאָקומענטן פֿון כעלעמער אַרכיוו און איך וויל אײַך, ליבע לעזער, איבערגעבן אייניקע איינצלהייטן.

אין די אוראַלטע צײַטן איז כעלעם געווען אַ דאָרף. די כעלעמער האָבן געהאַט ערד, בהמות. עס איז געווען אין כעלעם אַ שענק און אַ געוועלב ווי אין אַלע אַנדערע דערפֿער.

אָבער די כעלעמער זענען נישט געווען צופֿרידן מיט דעם סאָרט לעבן. די כעלעמער זענען בטבֿע געניגט מקנא צו זײַן. ווען די כעלעמער האָבן זיך צונויפֿגענומען אין שענק און גענומען שמועסן וועגן דער לאַגע, זענען אַלע געקומען צום זעלבן באַשלוס: אַז עס לוינט נישט צו באַאַרבעטן די ערד און צו פּאַשען קי אָדער ציגן. דער שענקער האָט פֿאַרדינט מער פֿון אַלע אַנדערע כעלעמער. דאָס זעלבע איז געווען ריכטיק וועגן דעם קרעמער. די כעלעמער האָבן באַשלאָסן אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען אַלע כעלעמער ווערן שענקערס אָדער קרעמערס.

אָבער אַז אַלע וועלן זײַן שענקערס, ווער וועט קומען טרינקען בראָנפֿן? און אויב אַלע וועלן זײַן קרעמערס, ווו וועלן זיך נעמען קונים?

עס איז געווען אַ האַרבע קשיא און די כעלעמער האָבן לאַנג זיך געבראָכן די קעפּ און נישט געקאָנט געפֿינען קיין ענטפֿער.

דערווײַל האָבן אַ צאָל כעלעמער געעפֿנט געוועלבלעך און נאָך אַנדערע האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט בראָנפֿן. דער רעזולטאַט איז געווען אַז דער פֿריִערדיקער שענקער און דער פֿריִערדיקער קרעמער האָבן פֿאַרלוירן די פּרנסה. די קאָנקורענץ איז געווען צו גרויס. אין כעלעם איז אַנטשטאַנען אַ קריזיס — דער ערשטער קריזיס אין דער געשיכטע פֿון כעלעם.

אַ כעלעמער חכם וואָס האָט געטראַכט וועגן דער פֿראַגע זיבן טעג און זיבן נעכט, האָט צונויפֿגערופֿן אַן עולם און געהאַלטן פֿאַר זיי אַ דרשה. דער כעלעמער חכם האָט געטענהט אַז מע דאַרף איבער הויפּט נישט קיין געוועלבן און קיין שענקען. דער קרעמער אַרבעט נישט. ער קויפֿט פּראָדוקטן בײַ די פּאַרמערס און פֿאַרקויפֿט זיי. דאָס אייגענע טוט דער שענקער. ער קויפֿט אָפּ בראָנפֿן פֿון דער ברויערײַ און ער פֿאַרקויפֿט. דער קרעמער און דער שענקער לעבן פֿון פּראָפֿיטן, נישט פֿון אַרבעט. דער חכם האָט געפּריידיקט אַז מע דאַרף נישט קיין האַנדל און אויך נישט קיין געלט. זאָלן די פּאַרמערס זיך בײַטן, אָן דער הילף פֿון קרעמער און שענקער. אויב איין פּאַרמער וועט דאַרפֿן אַ ציבעלע און אַן אַנדער פּאַרמער וועט ברויכן אַ רעטעך, וועלן זיי בײַטן די ציבעלע אויפֿן רעטעך און ביידע צדדים וועלן זײַן צופֿרידן. אויב דער אייגנטימער פֿון דער ברויערײַ וועט דאַרפֿן אַ מעסטל קאָרן און אַ פּאַרמער וועט האָבן חשק צו אַ שנאַפּס, וועלן ביידע זיך טוישן מיט זייערע פּראָדוקטן.

די כּעלעמער לײַט, וואָס האָבן געהערט אָט די דרשה, זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין גרויס באַגײַסטערונג. די כּעלעמער חכמים האָבן באַשלאָסן אָפּצושאַפֿן געלט און האַנדל. דער שענקער און דער קרעמער האָבן פֿאַרלוירן זייער פּרנסה, אָבער ביידע האָבן געקראָגן פֿון דער קהילה אַ פּאָר מאָרג ערד און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

נו, האָט ווידער נישט געטויגט.

ערשטנס, איז דאָס בײַטן זיך מיט פּראָדוקטן אָנגעקומען זייער שווער. ווען איין כּעלעמער האָט געדאַרפֿט אַ רעטעך, האָט גראָד דער צווייטער כּעלעמער זיך נישט גענייטיקט אין קיין ציבעלע. גראָד ווען איין כּעלעמער האָט געוואָלט אַ טרונק בראָנפֿן, האָט דער ברויער זיך נישט גענייטיקט אין קיין קאָרן אָדער קאַשע. די כּעלעמער האָבן באַשלאָסן צו דינגען אַ מענטש וואָס ער זאָל קריגן אינפֿאָרמאַציע װער עס וויל וואָס בײַטן און ער זאָל זײַן דער פֿאַרמיטלער. דער חכם וואָס איז געקומען צו אָט דעם אײַנפֿאַל, האָט געקראָגן דעם טיטל "חכם פֿון אַלע חכמים" און מען האָט אים געמאַכט פֿאַר אַן ערן־בירגער פֿון כּעלעם.

אָבער ס'האָט ווידער נישט געטויגט.

ערשטנס, איז דער יונגער־מאַן געווען אַ פֿוילער: אָנשטאָט אַרומצוגיין איבער די הײַזער און זיך נאָכפֿרעגן ווער עס וויל וואָס בײַטן, איז ער געזעסן הינטערן אויוון און זיך געקראַצט. אַחוץ דעם האָבן אייניקע כּעלעמער אָנגעוויזן אַז מ'האָט ווידער אין כּעלעם אַן אומזיסטן פּרעסער. אפֿשר איז דאָס ווייניק, האָט מען באַלד אײַנגעזען אַז איין פֿאַרמיטלער איז נישט גענוג. מען האָט געדאַרפֿט האָבן אַמווייניקסטן דרײַ פֿאַרמיטלער און אויב אַזוי — וואָס האָט מען דאָ אויפֿגעטאָן? מען איז פּטור געוואָרן פֿון צוויי אומזיסטע פּרעסערס און מ'האָט איצט דרײַ...

די כּעלעמער האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַן אַסיפֿה און אַרומצורעדן דעם ענין גרינטלעך.

די אַסיפֿה האָט געדויערט זיבן טעג און זיבן נעכט און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון כּעלעם האָבן די כּעלעמער נישט געקאָנט מאַכן יד־אַחת. עס זענען אַנטשטאַנען צוויי צדדים. איין צד האָט געטענהט אַז מע דאַרף ווידער דערלויבן כּעלעמער לײַט צו עפֿענען קרעמלעך און שענקען און אַלץ זאָל בלײַבן ווי געווען.

אַ צווייטער צד האָט געטענהט אַז זיך אומקערן צו דער צײַט ווען אַ שענקער און אַ קרעמער האָבן פֿאַרדינט גרויסע געלטער פֿון גאָרנישט טאָן, בעת אַלע אַנדערע כּעלעמער האָבן שווער געאַרבעט און נישט פֿאַרדינט — דאָס איז אַ פֿאַרברעכן. אויף דער אַסיפֿה האָט אויסגעבראָכן אַ ביטער מחלוקת. אַ סך כּעלעמער האָבן געקראָגן קלעפּ. אַ צאָל כּעלעמער זענען געוואָרן הייזעריק פֿון שרײַען. ס'האָט גראָד אַזוי געטראָפֿן אַז פֿאַר דער אַסיפֿה האָבן די כּעלעמער געהאַט אָפּגעשניטן זייער תּבֿואה, אָבער אָנשטאָט מע זאָל די תּבֿואה דרעשן און אַרײַננעמען אין שײַערן, האָט מען זי געלאָזט ליגן אין פֿעלד. ס'האָט גענומען רעגענען און ס'האָבן געבלאָזן שטאַרקע ווינטן. אַ סך כּעלעמער תּבֿואה איז געוואָרן פֿאַרפֿוילט. אין כּעלעם איז געוואָרן אַ הונגער.

נאָך אַ סך מחלוקת, געשרייען, זידלערײַען, קלעפּ, האָבן די כּעלעמער באַשלאָסן צו צעטיילן כּעלעם אויף צוויי שטעט: אַ כּעלעם וווּ ס'מעגן זײַן שענקערס און קרעמערס און אַ כּעלעם וווּ פֿאַרמיטלער געדונגענע פֿון קהל זאָלן אַכטונג טאָן אויף דער כּעלעמער ווירטשאַפֿט.

אַזוי איז געשען. עס זענען אַנטשטאַנען צוויי כּעלעמס: כּעלעם נומער איינס או כּעלעם נומער צוויי, אָדער דאָס קרעמערישע כּעלעם און דאָס פֿאַרמיטלערישע כּעלעם. מען האָט אויסגעגראָבן אין מיטן כּעלעם אַ רינשטאָק און עס איז געוואָרן די גרענעץ צווישן די צוויי כּעלעמס.די שׂינאה צווישן די צוויי כּעלעמס איז באַלד געוואָרן אַזאַ גרויסע אַז אַ קרעמערשער כּעלעמער האָט נישט געטאָרט אַריבערגיין צום פֿאַרמיטלערישן כּעלעם און פֿאַרקערט אויך. אויף

ביידע זײַטן רינשטאָק האָט מען אַוועקגעשטעלט וועכטער זיי זאָלן היטן קיינער זאָל נישט אַריבער אומלעגאַל די גרענעץ.

דאָס צעטיילן כעלעם אויף צוויי שטעט האָט אַרויסגערופֿן אַ בהלה. אַ בירגער אין קרעמערשן כעלעם האָט געהאַט אַ טאַטן אין פֿאַרמיטלערישן כעלעם. ווײַבער זענען אָפּגעריסן געוואָרן פֿון מענער, קינדער פֿון מאַמעס, שוועסטער פֿון ברידער. אָבער די פֿירער פֿון ביידע צדדים זענען געווען אַנטשלאָסן נישט צו האָבן קיין מגע־ומשׂא איינער מיט דעם אַנדערן.

ס'האָט אַזוי געטראָפֿן אַז אין קרעמערישן כעלעם זענען געוואַקסן אַלע ציבעלעס און אין פֿאַרמיטלערישן — אַלע רעטעכער. איצט האָט מען מער נישט געקאָנט נישט בײַטן זיך און נישט קויפֿן פֿאַר געלט. דאָס קרעמערשע כעלעם האָט זיך געמוזט באַגיין אַ צײַט אָן רעטעך און דאָס פֿאַרמיטלערישע כעלעם האָט אַ לאַנגע צײַט געלעבט אָן ציבעלעס.

אין קרעמערשן כעלעם האָבן זיך גענומען עפּענען זייער אַ סך געוועלבן און שענקען און ס'איז ווידער געוואָרן אַ צו שטאַרקע קאָנקורענץ און אַ קריזיס. דער קריזיס איז נאָך געוואָרן שטאַרקער דערפֿאַר ווײַל האַלב כעלעם איז געוואָרן אָפּגעשניטן און ס'איז געווען ווייניקער קונים. אַזוי ווי סוחרים האָבן אין דער קאָנקורענץ געמוזט אָפּלאָזן פֿון מקח, האָבן זיי געצאָלט די פֿאַרמערס פֿאַר די פּראָדוקטן אַלץ ביליקערע פּרײַזן און ס'איז אַנטשטאַנען צווישן זיי אַ נויט און אַן אומצופֿרידנקייט. אַ סך פֿאַרמערס האָבן גענומען רעדן אַז די סיסטעם אין פֿאַרמיטלערישן כעלעם איז אַ בעסערע און זיי זענען געוואָרן פֿאַרביסענע פֿאַרמיטלעריסטן. אַנדערע, ווידער, האָבן געהאַלטן אַז מע דאַרף גרינדן אַן אַרמיי און אַטאַקירן דאָס פֿאַרמיטלערישע כעלעם. ווען ביידע כעלעמס וועלן זיך פֿאַראייניקט, וועט ווידער ווערן גוט.

אין דעם פֿאַרמיטלערישן כעלעם איז די לאַגע געווען נאָך ערגער. ערשטנס, זײַנען די פֿאַרמיטלערס געווען פֿויל. אַנדערע האָבן זיך געהייסן געבן כּאַבאַר. די חכמים פֿון כעלעם נומער 2 האָבן געהאַט געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו און אַלע פֿאַרמערס האָבן פֿאַרלוירן די אַמביציע צו אַרבעטן. די פֿירער פֿון די פֿאַרמיטלעריסטן האָבן געטענהט אַז אין אַלע צרות זענען שולדיק די קרעמעריסטן. אין ביידע כעלעמס זענען אַנטשטאַנען אַרמייען און מ'האָט זיך דאָרט אַרומגעזען אַז די צאָל אומזיסטע פֿרעסערס האַלט אין איין וואַקסן.

ביידע כעלעמס וואָלטן געשטאָרבן פֿון הונגער, אָבער צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון כעלעם האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די הויזפֿרויען און אַפֿילו קינדער. מ'האָט אויך אָנגעהויבן עסן ווייניקער, ווײַל אַ כעלעמער געלערנטער האָט אַנטדעקט אַז אַלע קראַנקייטן קומען פֿון עסן. אַ באַווײַז: אַ שטיין עסט נישט און ער ווערט קיין מאָל נישט קראַנק.

אָט אַזוי האָבן ביידע כעלעמס געלעבט אַ צײַט. ווען די כעלעמער פֿון ביידע כעלעמס האָבן זיך דערמאָנט אָן דער צײַט ווען אין גאַנץ כעלעם זענען געווען בלויז איין קרעמער און איין שענקער — קיין גרענעצן, קיין וועכטער, קיין סאָלדאַטן, קיין פֿאַרמיטלער — און אַז מ'האָט געהאַט צו זיי טענות און זיי גערופֿן אומזיסטע פֿרעסערס, — יאָ, ווען די כעלעמער האָבן זיך דאָס דערמאָנט, האָבן זיי געלאַכט און זענען געקומען צום אויספֿיר אַז יענע כעלעמער זענען געווען פּראָסט און פּשוט — נאַראָנים.

# אַ קאַפּיטל כעלמער געשיכטע

נישט אַלע ווייסן דערפֿון, נאָר כעלעם האָט אַ מאָל געהאַט אַ מלך. געהייסן האָט ער ויזתא דער ערשטער. ויזתא איז נישט בלויז געווען אַ ויזתא, נאָר אויך זייער אַ בייזער, אומגעהויער שטרענג מיט זײַנע אונטערטאַנען. ער האָט אָנגעטאָן אַזוינע צרות אין כעלעם, אַז ס'האָט נישט געפֿעלט אַ סך, אַז כעלעם זאָל אונטערגיין צוליב אים. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז ס'איז געוואָרן אַ רעוואָלוציע אין כעלעם און ויזתא האָט געמוזט אַראָפּ פֿון בענקל.

ויזתא האָט נישט געהאַט קיין חכמים, וואָס מיט זיי האָט ער זיך באַראָטן. ווען ס'איז אים עפּעס אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן די לאַגע אין כעלעם איז דאָס באַלד געוואָרן אַ געזעץ. ווי אַ סך אַנדערע טיראַנען פֿאַר אים און נאָך אים האָט ויזתא מיקלאָמפּערשט געוואָלט טאָן גוטס, אָבער דאָס גוטע איז אַרויס שלעכט.

אויף איבערצוגעבן די גאַנצע געשיכטע פֿון ויזתא דעם ערשטן, וואָלט מען געדאַרפֿט אָנשרײַבן אַ דיק בוך. אַזאַ בוך האָט געשריבן דער באַרימטער שרײַבער דלפֿון. מיר דאָ וועלן בלויז איבערגעבן אייניקע פֿאַקטן וועגן ויזתא און זײַן הערשאַפֿט.

איידער ויזתא איז געקומען צו דער מאַכט איז כעלעם געווען אַ שטילע שטאָט. ס'זענען דאָרט געווען אַ פּאָר גבֿירים, אַ סך אָרעמע־לײַט, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. געהערשט האָבן דאַמאָלס זעקס חכמים. ווען כעלעם האָט געהאַט אַ פּראָבלעם, איז מען אַוועק צו די זעקס חכמים זיי זאָלן געבן אַן עצה. די חכמים זענען אַלע געווען פֿויל און ס'האָט געדויערט זייער לאַנג ביז זיי האָבן באַהאַנדלט די פּראָבלעם. עס איז אַלע מאָל אויסגעקומען אַזוי אַז די חכמים זענען געווען צעטיילט אין זייער מיינונג גלײַך אויף גלײַך. דרײַ חכמים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז טאָג און די אַנדערע דרײַ האָבן געזאָגט אַז ס'איז נאַכט. אַזוי ווי אַ געזעץ האָט געקאָנט אַרויסגעגעבן ווערן בלויז דורך אַ מערהייט, זענען יאָרן אַוועק און קיין שום נײַ געזעץ איז נישט געשאַפֿן געוואָרן. אַלץ איז געבליבן בײַם אַלטן. די גבֿירים זענען געוואָרן אַלץ רײַכער, די אָרעמע־לײַט — אַלץ אָרעמער. די מערסטע כעלעמער גבֿירים זענען געווען זייער קאַרג און זיי האָבן נישט אויסגעגעבן זייער געלט, נאָר עס געהאַלטן אין די שטיוול. פֿרײַטיק, ווען זיי זענען געגאַנגען אין באָד אַרײַן, האָבן זיי געלאָזט די שטיוול אין פֿאָדערהויז און גנבֿים האָבן דאָס געלט צוגעגנבֿעט. די גנבֿים וואָלטן געוואָרן שטיין רײַך, אָבער די גנבֿים אַליין פֿלעגן אויך גיין אין באָד אַרײַן און אַנדערע גנבֿים האָבן דאָס בײַ זיי צוגעגנבֿעט. ווער עס זענען געווען די לעצטע גנבֿים און וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דעם געלט, איז נישט באַקאַנט ביז הײַנט, עס איז אַ סבֿרא, אַז זיי זענען אַוועק מיט דעם געלט קיין אַמעריקע און דערפֿון איז אַמעריקע אַזוי רײַך.

ויזתא איז געווען פֿון פֿאַך אַ קצבֿ, ער איז אויך געווען דער תּלין פֿון כעלעם. אָבער יאָרן זענען אַריבער און ויזתא האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אָפּצוהאַקן בײַ עמעצן דעם קאָפּ דערפֿאַר, ווײַל די חכמים פֿון כעלעם זענען קיין מאָל נישט געווען אײַנשטימיק אין קיין שום זאַך. בלויז אין איין פֿאַל האָבן די חכמים געמאַכט אַ פּשרה. עס איז געווען אין כעלעם אַ מערדער, וואָס פֿלעגט אַרומגיין אין די נעכט, באַרויבן די לײַט און דערנאָך זיי דערשטיקן. ווען מ'האָט אים ענדלעך געכאַפּט און אים געשטעלט פֿאַר אַ געריכט, האָבן די כעלעמער חכמים נישט געקאָנט אײַנשטימען וואָס מע זאָל מיט אים טאָן. דרײַ האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ. די אַנדערע דרײַ האָבן געהאַלטן אַז מע דאַרף אים דעם קאָפּ נישט אָפּהאַקן. נאָך לאַנגע רייד איז מען געקומען צו אַ פּשרה: מע זאָל אים אָפּהאַקן אַ האַלבן קאָפּ. ויזתא האָט אויסגעפֿירט דעם אורטייל און ער האָט דערפֿאַר באַקומען דרײַ גראָשן.

נישט לאַנג נאָך דעם האָט ויזתא צונויפֿגענומען אַ בינטל קצבֿים און זיי האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט אין כעלעם. די זעקס חכמים האָט ויזתא געלאָזט קעפּן. עס איז אַנטשטאַנען די מלוכה פֿון ויזתא דעם ערשטן.

קודם־כּל האָט ויזתא זיך געלאָזט אויסבויען אַ פּאַלאַץ. ער האָט זיך באַנוצט דערבײַ מיט שקלאַפֿן־אַרבעט. ויזתא האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז אַלע יענע, וואָס ווינען נישט אין כעלעם גופֿא, נאָר אין די הינטערשטעט זענען קנעכט. ער האָט באַקומען אַ סך קנעכט און זיי האָבן פֿאַר אים געבויט אַ פּאַלאַץ. דערנאָך האָט ויזתא גענומען זעקס ווײַבער. ער האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ קרוין מיט הונדערט גלעקלעך און ווען ויזתא איז געגאַנגען מיט דער קרוין אויפֿן קאָפּ, האָבן די גלעקלעך געקלונגען. ויזתא האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אַן אומכּבֿוד פֿאַר אַ קעניג צו טראָגן אַ פּאַסיק אויף די הויזן אָדער שלייקעס. צוויי קנעכט זענען מיטגעגאַנגען מיט אים און צוגעהאַלטן זײַנע הויזן זיי זאָלן נישט אַראָפּפֿאַלן.

ווען ויזתא האָט אײַנגעזען, אַז ער איז זיכער מיט דער מאַכט, האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרבעסערן די לאַגע אין כעלעם. ער האָט געהאַט די אַמביציע כעלעם זאָל ווערן גרויס, רײַך, שטאַרק. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַ צײַט וועט קומען ווען כעלעם אונטער דער הערשאַפֿט פֿון ויזתא וועט געוועלטיקן איבער אַלע שטעט פֿון דער וועלט.

ווי שוין דערמאָנט, זענען אין יענער צײַט געווען זייער פֿיל אָרעמע־לײַט אין כעלעם. עס איז געקומען צום קעניג אַ דעלעגאַציע און זיי האָבן געזאָגט:

— אַדוני ויזתא, מיר און די מערסטע כעלעמער פֿאַרדינען נישט גענוג אויסצוהאַלטן אונדזערע ווײַבער און קינדער. וואָס זאָלן מיר טאָן?

ויזתא האָט געפֿרעגט:

— פֿאַרדינט איר גענוג אויסצוהאַלטן זיך אַליין?

— פֿאַר אונדז אַליין וואָלט געקלעקט.

— אויב אַזוי, גיב איך אַרויס אַ געזעץ, אַז אַלע אָרעמע־לײַט זאָלן זיך גטן מיט די ווײַבער — האָט ויזתא געזאָגט.
— ווי באַלד איר וועט נישט האָבן קיין ווײַבער, וועט איר פֿאַרשפּאָרן זיי אויסצוהאַלטן און אַלץ וועט זײַן גוט און ווויל.

ווען עס איז געוואָרן באַקאַנט אין כעלעם, אַז אַלע אָרעמע־לײַט מוזן זיך גטן מיט די ווײַבער, איז געוואָרן אין כעלעם אַ גרויס געשריי און אַ געוויין. אָבער ויזתאס משרתים, די געוועזענע קצבֿים און איצטיקע תּלינים, זענען אומגעגאַנגען פֿון הויז צו הויז און געצוווּנגען די אָרעמע־לײַט צו גטן זייערע ווײַבער. אַזוי ווי געגטע פּאָרלעך קענען נישט בלײַבן ווינען צוזאַמען און אַזוי ווי ס'איז גראָד געווען ווינטער און מ'האָט די ווײַבער מיט די קינדער נישט געקאָנט אַרויסטרײַבן אין גאַס, האָבן די מענער געמוזט פֿאַרלאָזן די הײַזער.

אָבער ווּ זאָלן ווינען די מענער?

ויזתא האָט געפֿונען אַן עצה: די מענער זאָלן אַוועק אין וואַלד, אויסהאַקן ביימער און אויפֿבויען אַ באַראַק.

ס'איז נישט לײַכט צו האַקן ביימער אין מיטן ווינטער און צו בויען אַ באַראַק. אַ סך מענער האָבן זיך פֿאַרקילט און געהוסט. אַחוץ דעם האָבן די ווײַבער מער נישט געקראָגן קיין געלט פֿון זייערע מענער און זיי מיט די קינדער האָבן געהונגערט. אַ דעלעגאַציע ווײַבער איז אַוועק צום קעניג ויזתא מיט אַ קלאָג, אַז כעלעם האַלט בײַם אונטערגיין.

ויזתא האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַלע גלעקלעך פֿון זײַן קרוין האָבן זיך צעקלונגען, און ער האָט געזאָגט:

— זאָלן די מענער און די ווײַבער צוריק חתונה האָבן.

די מענער האָבן איבערגעלאָזט דעם נישט־פֿאַרענדיקטן באַראַק און האָבן צוריק חתונה געהאַט מיט די ווײַבער. עס איז געווען אַ מינהג אין כעלעם, אַז אַ חתן אַרבעט נישט די ערשטע דרײַסיק טעג נאָך דער חתונה און אַזוי ווי די כעלעמער זענען אַלע געווען זייער פֿויל, האָבן זיי זיך געהאַלטן בײַ דעם מינהג זייער שטאַרק. כעלעם האָט געפּײַערט אַ דרײַסיק־טאָגיקן יום־טובֿ, אָבער ס'איז נישט געווען וואָס צו עסן. די בעקערס האָבן נישט געבאַקן. די האָלצהעקערס האָבן נישט געהאַקט קיין האָלץ. די קרעמער האָבן פֿאַרמאַכט די קראָמען. ס'איז געוואָרן אַ הונגער אין כעלעם.

ויזתא האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ. די קרוין האָט זיך צעקלונגען מיט אַלע גלעקלעך און ער האָט געזאָגט:

— זאָל דער יום־טובֿ אָפּגעלייגט ווערן אויפֿן זומער. זומער קאָן מען קריגן אין וואַלד יאַגדעס, בערעלעך, שוואָמען. ווינטער איז צו קאַלט צו פֿאַסטן. זאָלן גלײַך די כעלעמער חתנים זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט.

די כעלעמער מענער האָבן זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט, אָבער דער דלות איז געבליבן דלות. נישט דאָס גטן זיך און נישט דאָס חתונה האָבן האָט געהאָלפֿן.

ויזתא האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַלע גלעקלעך פֿון דער קרוין האָבן זיך צעקלונגען און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ נײַ געזעץ:

— פֿון הײַנט אָן און ווײַטער קריגט יעדער אַרבעטער אין כעלעם דאָס טאָפּלטע געלט פֿאַר זײַן אַרבעט. אויב אַ האָלצהעקער האָט געקראָגן דרײַ גראָשן פֿאַר צעהאַקן אַ פֿור האָלץ, זאָל ער איצט קריגן זעקס גראָשן. אויב אַ שוסטער האָט געקראָגן צוויי גולדן פֿאַר אַ פּאָר שיך, זאָל ער איצט קריגן פֿיר גולדן. אַזוי אַרום וועלן די אָרעמע־לײַט פֿאַרדינען טאָפּלט און דער דלות אין כעלעם וועט פֿאַרשווינדן.

אין כעלעם איז געוואָרן אַ גרויסע שׂימחה. דער עיקר האָבן זיך געפֿרייט די אָרעמע־לײַט. מ'האָט געזען מאַנסלײַט און ווײַבער טאַנצן אין דרויסן אין שניי, פּאַטשן מיט די הענט און רופֿן:
— לעבן זאָל אונדזער קעניג ויזתא!

אָבער די שׂימחה האָט נישט לאַנג געדויערט. ערשטנס האָט כעלעם נישט געהאַט גענוג געלט צו צאָלן אַזוינע הויכע פּרײַזן. אַחוץ דעם איז געוואָרן אַ יקרות: אַ האָלצהעקער האָט טאַקע געקראָגן זעקס גראָשן פֿאַר צעהאַקן אַ פֿור האָלץ, אָבער ווען ער איז געגאַנגען צו אַ שוסטער און געפּרוּווט באַשטעלן אַ פּאָר שטיוול, האָט מען פֿאַרלאַנגט פֿון אים פֿיר גולדן. די ווירטסלײַט האָבן פֿאַרלאַנגט מע זאָל זיי העכערן דאָס דירה־געלט. די קרעמערס האָבן געפֿאָדערט העכערע פּרײַזן פֿאַר סחורה. ווען ויזתא האָט זיך דערוווּסט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין כעלעם, האָט ער איבערגעטראַכט די לאַגע, געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַז אַלע גלעקלעך אין דער קרוין האָבן געקלונגען, און געזאָגט:

— די פּרײַזן מוזן בלײַבן די זעלבע. ווער ס'וועט העכערן דעם פּרײַז פֿון סחורה, מוז גיין אין תּפֿיסה.

נו, אָבער דאָס געזעץ האָט נישט געהאָלפֿן. אַפֿילו די שטראָפֿן האָבן נישט געהאָלפֿן. סחורות זענען געוואָרן אַלץ טײַערער. אַ צאָל סוחרים האָבן באַהאַלטן זייער סחורה. אין כעלעם איז געוואָרן אַ יקרות און אַ הונגער.

ווען ויזתא האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס געזעץ העלפֿט נישט, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז אַלע גלעקלעך אין דער קרוין האָבן געקלונגען, און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז קלאָר, אַז אַלע צרות קומען פֿון געלט. דערפֿאַר באַשטים איך, אַז פֿון היינט אָן און ווײַטער וועט געלט פֿאַרלירן יעדע ווערט אין כעלעם. דאָס גאַנצע געלט מוז מען ברענגען צו מיר. אין דרײַ טעג צײַט מוז כעלעם בלײַבן אָן געלט.

— אויב, אַזוי, ויזתא, ווי אַזוי וועט מען קויפֿן סחורה? ווי אַזוי וועט מען קריגן באַצאָלט פֿאַר אַרבעט?

דער קעניג האָט איבערגעטראַכט אַ ווײַל און געזאָגט:

— קיין געלט קאָן מען נישט עסן. פֿון היינט אָן און ווײַטער וועלן אַלע אַרבעטער ברענגען זייער אַרבעט צו מיר און מײַנע מענטשן וועלן צעטיילן די סחורות יעדן לויט זײַן באַדערפֿעניש. ווי באַלד עס וועט נישט זײַן קיין געלט, וועלן נישט זײַן קיין רײַכע און קיין אָרעמע־לײַט, און קיינער וועט קיינעם נישט מקנא זײַן, כעלעם וועט ווערן אַ גן־עדן אויף דער וועלט.

II

די נײַעס אַז געלט האָט פֿאַרלוירן יעדע ווערט און אַז ס'וועלן מער נישט זײַן קיין אָרעמע און רײַכע האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט איבער כעלעם. די אָרעמע־לײַט האָבן געטאַנצט איבער די גאַסן און גערופֿן:

— פֿון היינט אָן וועלן אַלע זײַן אָרעמע־לײַט!

און זיי האָבן גערופֿן:

— לעבן זאָל אונדזער קעניג ויזתא דער גרויסער!

די גבֿירים האָבן אויסגעגראָבן גריבער און באַגראָבן דאָס גאָלד, דאָס זילבער און אַלע ווערטפֿולע חפֿצים. ווען ויזתאס לײַט זענען געקומען צונעמען בײַ די גבֿירים זייער געלט, האָבן זיי געפֿונען ליידיקע קאַסעס.

אויף ויזתאס באַפֿעל האָט מען די גבֿירים אַרויסגעטריבן פֿון די הײַזער און ס'האָבן זיך דאָרט אַרײַנגעצויגן די אָרעמע־לײַט. די גבֿירים זײַנען אַוועק שלאָפֿן אין הקדש.

צו מאָרגנס האָט ויזתא געהייסן אַלע אַרבעטער ברענגען זייער אַרבעט אויף אַ פּלאַץ נעבן פּאַלאַץ. שוסטערס האָבן געבראַכט נישט־פֿאַרענדיקטע שיך, שנײַדערס — אָנגעהויבענע מלבושים. אַ סטאָליער האָט געבראַכט אַ שראַנק אָן טירן. אַ בענדער — אַ פֿאַס אָן רייפֿן. מ'האָט אָנגעלייגט אַ גאַנצן באַרג מיט זאַכן. פֿאַר נאַכט צו האָט ויזתא געהייסן אַז אַלע כעלעמער זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ רייע און ויזתאס לײַט האָבן אויסגעטיילט זאַכן. אַזוי ווי אַלע

זאַכן זענען געוואָרן צונויפֿגעמישט און ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, האָט מען נישט געקאָנט געבן די לײַט גענוי וואָס זיי ווילן. איינער האָט באַקומען צוויי רעכטע שטיוול און דער אַנדערער — צוויי לינקע שטיוול. אַ מאַנסביל האָט געקראָגן אַ קלייד, און אַ פֿרוי — אַ פּאָר מאַנסבילשע הויזן. אַ כעלעמער וואָס האָט זיך געווייטיקט אין אַ שטול, האָט באַקומען אַ פֿאַס. אַ ווײַבל וואָס האָט פֿאַרלאַנגט אַ וויג פֿאַר איר קינד, האָט באַקומען אַ זייגער. דערצו איז די רייע געווען אַזאַ לאַנגע און די צעטיילער אַזוי לאַנגזאַם אַז די כעלעמער זײַנען געשטאַנען אין דער רייע ביז פֿאַרטאָג.

צו מאָרגנס האָבן די כעלעמער אַרבעטער נישט געהאַט קיין כּוח צו אַרבעטן. זיי האָבן אויך נישט געקאָנט קריגן קיין סחורה אויף וואָס צו אַרבעטן. אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צו ויזתאן און געטענהט:

— אַדוני ויזתא, אָן געלט קאָן כעלעם נישט אויסקומען.

ויזתא האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַלע גלעקלעך האָבן זיך צעקלונגען און ער האָט געזאָגט:

— זאָל מען דרוקן פּאַפּירן געלט מיט מײַן חתימה און ס'וועט ווידער זײַן געלט אין כעלעם. דאָס געלט וועט צעטיילט ווערן אַלע גלײַך. יעדער איינער אין כעלעם וועט קריגן טויזנט ויזתא־טאָלערס.

ווען די כעלעמער לײַט האָבן דערהערט די גוטע בשׂורה, איז געוואָרן אַ גרויסע שׂימחה. גאַנץ כעלעם האָט געזאָלט ווערן רײַך. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און יעדער כעלעמער האָט געקראָגן טויזנט טאָלער. די לײַט זענען אַוועק אין די געוועלבן קויפֿן סחורה. די ערשטע קונים האָבן אַלץ אויסגעקויפֿט. די אַנדערע האָבן מער גאָרנישט געקראָגן פֿאַר זייער געלט.

אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צום קעניג ויזתא מיט אַ טענה אַז מע קאָן פֿאַר דעם געלט גאָרנישט קריגן. דער קעניג ויזתא האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַלע גלעקלעך אין דער קרוין האָבן זיך צעקלונגען און ער האָט געזאָגט:

— ס'זעט אויס אַז טויזנט טאָלער איז צו פֿיל געלט פֿאַר יעדן איינעם. זאָל יעדער כעלעמער צוריקגעבן פֿון די טויזנט טאָלער נײַן הונדערט און נײַנציק. ווען יעדער כעלעמער וועט האָבן בלויז צען טאָלער, וועט ער נישט קאָנען קויפֿן אַזוי פֿיל און ס'וועט זײַן סחורה פֿאַר יעדן.

ווען די כעלעמער לײַט האָבן געהערט, אַז זיי וועלן ווערן אויס גבֿירים, האָט דאָס זיי זייער פֿאַרדראָסן. אָבער אַ געזעץ איז אַ געזעץ. די כעלעמער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער רייע וואָס האָט זיך געצויגן איבער האַלב כעלעם און מ'האָט צוריקגעגעבן דאָס געלט. נישט אַלע האָבן געהאַט גענוג געלט צוריקצוגעבן. אַ סך האָבן געהאַט באַלד אין דער פֿרי אויסגעגעבן זייער געלט אין די קראָמען. ויזתא האָט געהייסן אַז די לײַט וואָס האָבן נישט צוריקגעגעבן נײַן הונדערט און נײַנציק טאָלער, זאָל מען אײַנזעצן אין תּפֿיסה.

— סטײַטש, די תּפֿיסות זענען דאָך פֿול אָנגעפּאַקט מיט גנבֿים, גזלנים און אַנדערע פֿאַרברעכער — האָט געטענהט ויזתאס הויפּט־גענעראַל לעקיש לעקישאָוויטש.

— זאָל מען די גנבֿים און די אַנדערע פֿאַרברעכער אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ — האָט ויזתא געענטפֿערט. — אָבער בתּנאַי זיי זאָלן געבן אַ וואָרט אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועלן זיי זײַן ערלעכע לײַט.

אַזוי איז געשען. מ'האָט אַלע פֿאַרברעכער אַרויסגעלאָזט פֿון די תּפֿיסות און מ'האָט אַרײַנגעזעצט די יעניקע וואָס האָבן נישט געקאָנט צוריקצאָלן. די גנבֿים האָבן אַלע געגעבן אַן ערנוואָרט אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועלן זיי ווערן ערלעכע לײַט.

יענע נאַכט זענען די גנבֿים, די רויבער און די מערדער באַפֿאַלן די כּלעמער לײַט און מ'האָט זיי באַגנבֿעט, באַרויבט. אַ צאָל כּלעמער האָט מען דערהרגעט. באַלד אין דער פֿרי ווען ויזתא איז אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, האָט אים לעקיש לעקישאָוויטש געמאָלדן וואָס די גנבֿים, רויבער און מערדער האָבן אָפּגעטאָן.

— זאָל מען גלײַך אַלע גנבֿים, רויבער און מערדער צוריק אײַנזעצן אין תּפֿיסה! — האָט ויזתא באַפֿוילן.

— סטײַטש, די תּפֿיסות זענען אַזוי אָנגעפּאַקט אַז מע קאָן דאָרט קיין שפּילקע נישט אַרײַנשטעקן — האָט לעקיש לעקישאָוויטש געטענהט.

— זאָל מען גלײַך נעמען בויען אַ נײַע תּפֿיסה — האָט ויזתא גערופֿן.

— ווער זאָל בויען? — האָט לעקיש לעקישאָוויטש געפֿרעגט.

— אַזוי ווי די תּפֿיסה איז פֿאַר דער טובֿה פֿון די ערלעכע לײַט, זאָלן זיי בויען די תּפֿיסה.

ויזתאס באַאַמטע זענען אַוועק איבערגעבן דעם באַפֿעל מע זאָל אָנהייבן בויען שנעל אַ תּפֿיסה. אָבער די כּלעמער לײַט האָבן געזאָגט: מיר זענען שוואַך פֿון הונגער, מיד פֿון שטיין אין די רייען און מיר האָבן נישט קיין כּוח צו בויען. זאָל מען אונדז געבן צו עסן, וועלן מיר האָבן כּוח צו בויען אַ תּפֿיסה.

ווען ויזתא האָט זיך דערוווּסט אַז די כּלעמער ערלעכע לײַט זאָגן זיך אָפּ צו בויען אַ תּפֿיסה, איז ער געוואָרן זייער אין כּעס און געשריגן:

— דאָס איז סאַבאָטאַזש!

ער האָט געהייסן זײַנע סאָלדאַטן מע זאָל צווינגען די כּלעמער צו בויען די תּפֿיסה.

— ווער וועט זיי צווינגען? — האָט לעקיש לעקישאָוויטש געפֿרעגט. — מיר האָבן נישט גענוג פּאָליציי וואָס זאָלן אַכטונג טאָן אויף אַזאַ גרויסן עולם סאַבאָטאַזשניקעס.

ויזתא האָט נאָכגעטראַכט, געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ אַז אַלע גלעקלעך האָבן זיך צעקלונגען און געזאָגט:

— זאָל מען געבן די גנבֿים, רויבער און מערדער געווער און זיי באַשטימען פֿאַר פּאָליציאַנטן. זיי וועלן אַכטונג טאָן אַז די ערלעכע לײַט זאָלן בויען די תּפֿיסה.

ווען די גנבֿים, רויבער און מערדער האָבן דערהערט אַז זיי וועלן קריגן געווער פֿון קעניגלעכן אַרסענאַל, זענען זיי געוואָרן זייער פֿריילעך, און גערופֿן:

— פֿון אַלע ויזתאס וואָס האָבן ווען ס'איז געלעבט, איז אונדזער ויזתא דער גרעסטער ויזתא!

באַלד זענען זיי אַלע געוואָרן באַוואָפֿנט מיט שווערדן, שפּיזן און וואָס נאָר מ'האָט געקאָנט קריגן אין דעם כעלעמער אַרסענאַל.

יענע נאַכט האָבן די כעלעמער פֿאַרברעכער צוגענומען בײַ די כעלעמער לײַט דאָס לעצטע ביסל האָב־און־גוטס. מ'האָט אויפֿגעבראָכן אַלע שענקען און מ'האָט געטרונקען און געהוליעט ביז טאָג. אַ צאָל הײַזער האָט מען אונטערגעצונדן. גאַנץ פֿרי האָבן די פֿאַרברעכער אַרומגערינגלט ויזתאס פּאַלאַץ און פֿאַרלאַנגט ויזתא זאָל צו זיי אַרויסקומען.

ויזתא איז געשמאַק געשלאָפֿן און ווען לעקיש לעקישאָוויטש האָט אים אויפֿגעוועקט, איז ער געוואָרן זייער אין כּעס. פֿון צעמישטקייט האָט ער אָנגעטאָן די קרוין פֿאַרקערט. די צוויי קנעכט וואָס האָבן געוויינטלעך צוגעהאַלטן די קעניגלעכע הויזן, זענען איבער נאַכט געהאַט אַוועק אַהיים צו זייערע ווײַבער און קינדער און ויזתא האָט געמוזט אַליין צוהאַלטן די הויזן — אַ גרויסער בזיון פֿאַר אַ קעניג. ווען דער קעניג איז אַ באָרוועסער אַרויסגעקומען אויפֿן גאַניק, האָט דער עלטסטער פֿון די גנבֿים, לקחנער, געזאָגט:

— קעניג ויזתא, מיר זענען גרייט צו העלפֿן בויען אַ תּפֿיסה, אָבער נישט אַז מיר זאָלן דאָרט זיצן. מיר זענען שוין גענוג געזעסן.

— ווער דען זאָל דאָרט זיצן? — האָט ויזתא געפֿרעגט.

— די ערלעכע לײַט.

ויזתא איז געוואָרן זייער בייז. ער האָט געוואָלט אָנשרײַען אויף די גנבֿים, אָדער זיי לאָזן אַרעסטירן. אָבער ווען ער האָט געזען אַז זיי זענען באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, איז ער געוואָרן ווייכער. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— זאָל נאָר זײַן אַ תּפֿיסה, וועט שוין עמעץ דאָרט זיצן, — נישט אַזוי לעקיש לעקישאָוויטש?

און דער קעניג האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הייזעריק געלעכטער. ס'איז געווען לעקיש לעקישאָוויטשעס אויפֿגאַבע שטענדיק מיטצולאַכן מיט ויזתאן.

ווען די ערלעכע לײַט האָבן זיך דערוווּסט אַז ויזתא איז געוואָרן דער קעניג פֿון די גנבֿים און אַז זיי, די ערלעכע לײַט, וועלן מוזן בויען אַ תּפֿיסה פֿאַר זיך, — האָבן זיי ענדלעך פֿאַרלוירן דאָס געדולד און געמאַכט אַ רעוואָלוציע. די ערלעכע לײַט האָבן זיך באַוואָפֿנט מיט מעסערס, העק, שטעקנס און וואָס זיי האָבן געקראָגן. עס איז אַנטשטאַנען אַ מלחמה צווישן די ערלעכע לײַט און די גנבֿים, און נאָך אַ סך פֿאַרלוסטן האָבן די ערלעכע לײַט געזיגט. מ'האָט אַרויסגעלאָזט פֿון תּפֿיסה די לײַט וואָס האָבן נישט געקאָנט צוריקגעבן די 990 טאָלער און מ'האָט אַרײַנגעשיקט צוריק די גנבֿים. דערנאָך זענען די ערלעכע לײַט אַוועק צום פּאַלאַץ און מ'האָט געצוווּנגען ויזתאן אַראָפּצוקריכן פֿון טראָן. אַזוי ווי קיינער האָט נישט צוגעהאַלטן זײַנע הויזן זענען זיי פֿון אים אַראָפּגעפֿאַלן. די ערלעכע לײַט האָבן אַראָפּגענומען פֿון ויזתאן די קרוין צו שמעלצן נײַ געלט פֿאַר אַ נײַער כעלעמער רעגירונג. ויזתא און לעקיש לעקישאָוויטש האָט מען אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.

די כעלעמער לײַט האָבן ווידער אויסגעקליבן זעקס חכמים זיי זאָלן מישפּטן ויזתאן פֿאַר די צרות וואָס ער האָט אָנגעטאָן די כעלעמער. דרײַ חכמים האָבן געהאַלטן אַז מע דאַרף ויזתאן אָפּהאַקן דעם קאָפּ, די אַנדערע דרײַ האָבן געהאַלטן אַז מע דאַרף נישט אָפּהאַקן. מ'האָט געמאַכט אַ פּשרה און מ'האָט אָפּגעהאַקט בײַ ויזתאן אַ האַלבן קאָפּ.

לעקיש לעקישאָוויטש איז געוואָרן אַ משרת בײַ די זעקס חכמים. ווען איינער פֿון זיי האָט געלאַכט האָט לעקיש לעקישאָוויטש מיטגעלאַכט און אַזוי האָט ער פֿאַרדינט זײַן ברויט.

כעלעם איז ביסלעכווײַז געוואָרן ווידער דאָס אַלטע כעלעם. די גבֿירים האָבן געפּרוּווט אויסגראָבן דאָס גאָלד און זילבער אָבער עס איז פֿאַרשוווּנדן.

ווו איז עס אַהינגעקומען?

איין מיינונג איז געווען אַז גנבֿים האָבן עס אַרויסגעגנבֿעט.

פֿאַראַן אויך אַ טעאָריע אַז אונטער דער ערד לעבט אַ מאָנסטער וואָס עסט גאָלד און זילבער און אַז ער האָט עס אויפֿגעגעסן.

ווי מאָדנע, נאָר עס זענען געבליבן אין כעלעם לײַט וואָס באַדויערן ויזתאס פֿאַל. זיי רופֿן זיך די ויזתאיסטן. זיי זאָגן, אַז ווען ויזתא וואָלט געבליבן נאָך איין יאָר בײַ דער מאַכט וואָלט כעלעם געוואָרן אַ גליקלעכע שטאָט.

זיי האָבן אַפֿילו אַ פֿירער וואָס רופֿט זיך ויזתא דער צווייטער.